וועטער: קלאר—קאלט

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST.

THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 8.26.
זון אונטערגאנג — 4.44.

די איינציקע אידישע
ציטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

Vol. 20, No. 6. Winnipeg, Wed. Jan. 8, 1930. Published daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג מיטוואך ח טבת, תר"ץ.

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
JAN
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

דער "קעניג אין אווערלס"



דזשאזעף ה. ב. סמיט

דאס איז דאס בילד פון מר. סמיט, פון וואולף קריק, אלטא., וועלכער האט געקראגן דעם טיטול "ווייץ-קעניג" פאר דעם פיינסטן ווייץ מוסטער אויף דער אינטערנאציאנאלער תבואה אויסשטעלונג אין שיקאגא מיט אייניקע חדשים צוריק.

מופטים ארגאן ערקלערט אז אראבער קעמפן קעגן בריטישן מאנדאט

"איז געפערלאכער פון באלפור דעקלאראציע" — באהויפטעט ער. — ציטונג איז סוספענדירט געווארן צוליב געמיינים בלבול אויף אידן

(ספעציעלע טעלעגראמעס צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

ירושלים, יאנו. 8 (איטא). — "מיר האסן ניט ענגלאנד, אבער מיר האבן ניט ליב דעם מאנדאט", — ארגומענטירט די לעצטע אויסגאבע פון'ם "דזשאמיע על אראביא". דעם מופטים ארגאן. די דאזיקע ציטונג איז סוספענדירט געווארן אויף אן אומבאשטימטער צייט, ווייל זי האט באריכטעט, אז "די פאליציי זוכט אונטער א פארשווערונג פון די אידן צו דערמארדן דעם גראנד-מופטי", וואס איז געווען א פאלשער בלבול.

ענטפערנדיק אויף דער דערקלערונג פון דעם "פעלעשטין", אז די אראבער באקעמפן די באלפור דעקלאראציע' און ניט דעם מאנדאט, זאגט די ציטונג:

"פארוואס זאלן מיר אנשטריינגען זיך צו באקעמפן די באלפור דעקלאראציע, ווען דער מאנדאט איז געפערלאכער פאר דער פאן-אראבישער באוועגונג, ווי דער ציוניזם. די אראבישע שנאה צו פרעמדער אפעקונסטטווע מיינט א קאמף פאר אומאפהייננגיקייט. ניט טאלערירנדיק קיין פרעמדע הערשאפט אין וועלכער ס'איז פארם".

די ציטונג זאגט ווייטער:

"די צוריקציאונג פון'ם מאנדאט וועט פארשטארקן די ענגליש-אראבישע פריינטשאפט. ענגלאנד באטראכט דאך ניט פאר קיין שונאים די עגיפטאנער וואס קעמפן פאר אומאפהייננגיקייט. פארוואס זשע זאל זי האבן אן אנדער באציאונג צו אונז?"

דראג הענדלער דערשאסן פון דעטעקטיוו אין האטעל אין קאלגארי

קאלגארי, אלבערטא, יאנו. 7. — פיר הענדלער מיט שעדלאכע דראגס זיינען דא נעכטן דריי אזייגער פארטאג ארעסטירט געווארן אין א היגן האטעל, און א פינפטער איז דערשאסן געווארן צום טויט ווען ער האט געצויגן א רעוואלווער קעגן א פאליציסט.

די דעטעקטיווס פעטערסאן און קאסיע זיינען נעכטן דריי אזייגער פארטאג אריינגעקומען אין א צימער פון א היגן האטעל און זיי האבן אנגעטראפן די פיר פארדעכטיקטע "סוחרים". איין דעטעקטיוו האט זיי אפגעפירט אין פאליציי סטאנציע און דער צווייטער איז געבליבען אין צימער צו מאכן אן אונטערזוכונג.

ווען דער דעטעקטיוו האט געהאלטן אין זוכן די טריפה'נע סחורה, איז אין צימער אריינגעקומען א פינפטער מאן מיט א אווטאמאטישן רעוואלווער אין האנט. דער דעטעקטיוו האט באצייטנס אפגעפייערט א שאס און דער מאן איז געפאלן טויט אויפ'ן ארט. שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן אז זיין נאמען איז (לויט ווי ער האט זיך פאררעגיסטרירט אין האטעל) סי. ג'עי, פון רעדזשיינע.

—(::)—

קאנסערוואטיוון וועלן ניט האבן קיין קאנדידאט אין ברענדאן

דערווארטן אלגעמיינע וואלן קומענדיקן זומער

כאטש די קאנסערוואטיווע עקזעקוטיווע אין ברענדאן האט באשלאסן ארויסצושטעלן א קאנדידאט קעגן מר. קרעראר אין דער "ביי-עלעקשאן" וואס דארף אפגעהאלטן ווערן אין ברענדאן פעב. 12טן, האט אבער די פראווינציעלע עקזעקוטיווע באשלאסן, די פארטיי זאל ניט ארויסשטעלן קיין קעגן-קאנדידאט.

דעם אנאנס האט דא נעכטן געמאכט דר. ה. סי. האדסאן, פרעזידענט פון'ם מאניטאבער קאנסערוואטיוון פארבאנד. דעם באשלוס דערקלערט מר. האדסאן דערמיט, וואס אלגעמיינע וואלן ווערן דערווארטעט דעם קומענדיקן יוני, און יעדנפאלס, זיינען אזעלכע ניט ווייט, און ס'איז דערפאר ניט ראטזאם צו פארשווענדן כחות אויף א "ביי-עלעקשאן".

די ברענדאנער קאנסערוואטיוון ווערט פארשטאנען, וועלן זיך בויגן פאר'ן באשלוס פון דער פראווינציעלער עקזעקוטיווע.

—(::)—

לייקנט באריכט אז מענאניטן קאנען קומען קיין קאנאדע

אטאווא, יאנו. 8. — "קיין דערלויבענישן זיינען ניט ארויסגעגעבן געווארן צו מענאניטן צו קומען קיין קאנאדע", — האט דא דערקלערט וו. רזש. עגאן, געהילף-מיניסטער פון אימיגראציע.

די דערקלערונג איז געקומען אין פארבינדונג מיט א באריכט פון בערלין, וואו די "וואסישע ציטונג" האט געמעלדעט, אז א טייל פון די דריי טויזנט מענאניטן וואס זיינען אנטלאפן פון רוסלאנד קיין דייטשלאנד וועלן איבערגעשיקט ווערן קיין קאנאדע.

מר. עגאן דערקלערט, אז מר. פארקס אורטייל וועגן דעם ענין, ניט אריינצולאזן די מענאניטן, איז נאך אין קראפט.

טעקסי טרייבער אין לאנדאן וועלן מוזן פארזיכערן זייערע פאסאזשירן

לאנדאן, אנט. יאנו. 8. די היגע פאליציי קאמיסיע האט אנגענומען א ביי-לאו וואס צווינגט אלע טעקסי דרייווערס ארויסצונעמען פארזיכערונג קעגן עקסידענטן. פינף טויזנט דאלאר אין פאל א פאסאזשיר ווערט צעשעדיקט און צען טויזנט דאלאר אין פאל דער פאסאזשיר ווערט דער'הרג'עט.

ווערט דער'הרג'עט אין עקסידענט.

איידער א טעקסי דרייווער ווענדעט זיך נאך א דערלויבעניש צו אנטרייבן אן אויטאמאביל פאר דעם צוועק צו פירן פאסאזשירן מוז ער וויזן אזא סארט אינשורענס פאליסי.

—(::)—

אמעריקאנער שיפן וועלן קאנען פראדוצירן און פארקויפן ביר אויפ'ן ים

ניו-יארק, יאנו. 8. — א ישועה פאר די דארשטיקע אמעריקאנער בירגער. זיי וועלן שוין קאנען טרינקען א גלעזל ביר, אבער ניט אויפ'ן אמעריקאנער באדן וואו דער דאזיקער "טריפה'נער געטראנק" איז שטרייננג פארבאטן. נאר זיי וועלן זיך מוזן מטריח זיין צו פארן אויפ'ן ים צו געניסן פון דער "פארבאטענער פרוכט".

די "דזשאדזש וואשינגטאן" פון דער אמעריקאנער שיף ליניע, איז די ערשטע אמעריקאנער שיף וואס האט געקראגן א דערלויבעניש פון דעם אויסגעטריקנטן געזעץ צו מאכן ביר פאר אירע דארשטיקע פאסאזשירן.

אלע נויטיקע מאטעריאלן וועלן ארויפגענומען ווערן אויף דער שיף און אין 24 שעה נאכדעם ווי דער ביר איז פראדוצירט וועלן די פאסאזשירן קאנען טרינקען ביר, אזוי לאנג ווי די שיף וועט אפשווימען צוועלף מייל פון די אמעריקאנער וואסערן.

—(::)—

אויפשטאנד ברעכט אויס אין אלבאניע

בעלגראד, יוגא-סלאוויע, יאנו. 8. — אן אומאפיציעלע ידיעה קיין בעלגראד לויטעט וועגן אן אויסברוך פון א רעוואלוציע אין אלבאניע.

אין דער ידיעה ווערט געזאגט אז די רעוואלוציע איז אויסגעבראכן דערפאר וואס קעניג זאגו האט דורך צוואנג געוואלט איינפירן דארטן די מערב ציוויליזאציע.

פינף טויט צוליב טעות פון א סטארקיפער, וואס האט פארקויפט גאזאלין פאר קעראסין

אינדיאנאפאליס, אינד., יאנו. 8. — א טראגישער טעות פון א סטארקיפער, וועלכער האט פארקויפט צו דאנאלד קלויזנער גאזאלין אנשטאט קעראסין, איז געווען שולדיק, ווי עס ווערט באהויפטעט, פאר'ן טויט פון קלויזנערן און אנדערע פיר מיטגלידער פון דער פאמיליע.

קלויזנער, מיינענדיק אז דאס איז קעראסין, האט אריינגעגאסן אביסל דערפון אין אויוון צו פאנאנדערברענען דאס פייער. באלד האט דער פלאם אבער ארומגעכאפט אים און זיינע דריי קינדער וואס זיינען געשלאפן נאענט פון אויוון אויף א דיוואן. מר. קלויזנער, וועלכער האט זיי געפרואווט רעטן, איז אויך ארומגעכאפט געווארן מיט פלאמען. זיי אלע זיינען געשטארבן פון די בראנד-וואונדן.

די טויטע זיינען: דאנאלד קלויזנער, 31 יאר; מרס. העטי קלויזנער, 25 יאר, און זייערע קינדער: מערי עליס, 6 יאר; פלארענס, 5 יאר, און דאנאלד, 3 יאר.

די איינציקע וואס זיינען געבליבן לעבן פון דער פאמיליע זיינען צוויי עפה'לאך, א צווילינג, זעקס חדשים אלט. אבער אויך זיי זיינען שטארק צעברענט געווארן, און עס זיינען דא ווייניק האפענונגען זיי זאלן בלייבן לעבן.

—(::)—

מערב קאנאדער לופט-פאסט וועט זיך עפענען פעברואר 3טן

אטאווא, אנט. יאנו. 8. — דער דאטום פאר דער דערעפענונג פון דער מערב קאנאדער לופט פאסט באדינונג איז באשטימט געווארן פאר דעם דריטן פעברואר.

עס קאן מעגלאך זיין אז דער דאטום וועט געענדערט ווערן א טאג אדער צוויי פריער אדער שפעטער, אבער לויט דעם פאראויסזעען פון די באאמטע פון דעם פאסט אפיס דעפארטמענט וועט זיך די לופט פאסט באדינונג אנפאנגען אין דעם באשטימטן טאג.

עס ווערט פארשטאנען אז צען לופט שיפן וועלן באדינען די לופט פאסט אין די פריירי פראווינצן.

מאנדזשוריע גרייט זיך צו צוקונפטיקער מלחמה מיט רוסלאנד

כארבין, מאנדזשוריע, יאנו. 8. — עס ווערט דא באריכטעט, אז אויף א קאנפערענץ פון מאנדזשורישע פירער אפגעהאלטן אין מוקדען, איז בשלאסן געווארן צו רעפארמירן די גאנצע ארמיי, איינצופירן צוואנג דינסט פאר אלע פעאיקע מענער פון מיליטער עלטער און אנשטעלן מיליטערישע אינסטרוקטארן פון די רוסישע ווייסע גווארדייער.

אין מאנדזשוריע פילט מען זיך שטארק אנטוישט און פארביטערט פון דער דערנידערונג וואס מאנדזשוריע האט דורכגעמאכט, זייענדיק געצוואונגען נאכצוגעבן דער סאוועט רעגירונג אלע אירע פאדערונגען אין'ם אייזנבאן סכסוך. מאנדזשוריע וויל דערפאר איצט צוגרייטן זיך בעסער מיליטעריש פאר דער צוקונפט, ווען עס וועט קומען די צייט צו פארלאנגען ענדערונגען אין'ם פראטאקאל וועלכן זי איז געווען געצוואונגען אונטערצושרייבן.

די קאנפערענץ איז אפגעהאלטן געווארן אין מוקדען, די הויפט שטאט פון מאנדזשוריע, אונטער'ן פארזיץ פון גאווערנאר טשאנג הסוע-ליאנג, דיקטאטאר פון מאנדזשוריע.

אנאנסירט עפענונג פון פארלאמענט סעסיע פעב. 20טן

פרעמיער מאקענזי קינג

אטאווא, יאנו. 8. — פרעמיער קינג האט אנאנסירט, אז די סעסיע פון'ם פארלאמענט וועט געעפנט ווערן דאס יאר פעברואר 20טן. דאס איז שפעטער מיט צוויי וואכן פון לעצטן יאר, כדי מען זאל זיך ביז דאן ספראווען מיט די דריי "ביי-עלעקשאנס" וואס שטייען פאר: אין ביי-גאט, אין שאטאגוועי-האנטינגדאן און אין ברענדאן.

—(::)—

וועסט פארזוכט דעם טעם פון אמת'ן ווינטער

די וואס דערמאנען זיך מיט בייענקשאפט די "אמאליקע" גוטע, הארבע ווינטערס, ווען מען פלעגט פרירן אויערן און נעזער ווי א געוויינלאכע זאך, וועלן מוזן צוגעבן, אז היינטיקער ווינטער איז אויך ניט קיין לעמעשקע. סיידן מע קאן זיי ניט צופרידנשטעלן מיט עטלאכע און דרייסיק אונטער נול, — וועלן זיי מוזן פארן אין דהי פעם, מיט אירע 42 אונטער נול, אבער גאר קיין טשווירטשיל, וואו דער אפיציעלער טערמאמעטער האט פארצייכנט 48 אויף דער נידעריקער זייט.

דער אפיציעלער טערמאמעטער אין וויניפעג האט פארצייכנט היינט, 2.30 פרי, "בלויז" 25 אונטער נול. מען האלט אבער ביי אונז זייער ווייניק פון'ם אפיציעלן טערמאמעטער, וועלכער, ווי מען זאגט, ווערט באהייצט מיט "סטים". ניט-אפיציעלע טערמאמעטערס האבן היינט פרי געצייגט ארום 35 אונטער נול. און די וואס האבן געהאט א געלעגנהייט דורכצושפאצירן זיך היינט פרי ארום 8 אזייגער זיינען גענויגט צו גלויבן מער דעם אומאפיציעלן טערמאמעטער.

סאסקאטשעוואן און אלבערטא האבן אויך ניט שלעכט אויסגעמאכט, מיט טעמפעראטורן ביז 28 אונטער'ן נול.

—(::)—

בארימטער טשעליסט גיט היינט קאנצערט

גרעגארי פיאטיגארסקי, איינער פון די פיינסטע וויאלאנטשעליסטן אין דער וועלט, טרעט אויף היינט 8.30 אוונט אין א קאנצערט אין סענטראל טשוירטש.

פיאטיגארסקי איז געבארן אין יעקאטערינעסלאוו אין 1903, און ער האט שטודירט אין מאסקווער קאנסערוואטאריע. געטריבן פון'ם הונגער און נויט אין די יארן פון דער רעוואלוציע, האט פיאטיגארסקי פארלאזט רוסלאנד, און ער האט זיך באזעצט אין דייטשלאנד. אין פארלויף פון די לעצטע עטלאכע יאר האט ער געשפילט קאנצערטן אין די גרעסטע אייראפייאישע צענטערן און ער איז פון די גרעסטע קריטיקער אנערקענט געווארן אלס דער קרייזלער אויף דער טשעלא, אדער דער קאסלאס פון רוסלאנד.

א בערלינער איינפלוסרייכע ציטונג שרייבט וועגן אים: "מיר שיקן פיאטיגארסקי'ן אויף דעם אמעריקאנער קאנטינענט, אבער מיר האפן אז ער וועט זיך צוריקקערן צו אונז, ווייל אן אים איז בערלין ניט פולקאמען".

—(::)—

צוויי באשטראפט פאר קויפן משקה ניט פון רעגירונגס קראם

הערי קארסאן, פון 360 סאלטער סט. האט נעכטן באצאלט אין פראווינצעלן פאליציי געריכט צוויי הונדערט דאלאר שטראף אויף דער קלאגע אז ער האט געקויפט בראנפן אין אן אנדער פלאץ, ניט פון דער מאניטאבא ליקער קאמישאן. קארסאן האט זיך דערקלערט שולדיק אין דער קלאגע.

דזשיימס סטעמבערג, 729 סטעלא עוו., וועלכער האט זיך מודה געווען אז ער האט געקויפט בראנפן אויף אן אומגעזעצלאכן אופן, איז באשטראפט געווארן מיט פופציק דאלאר און קאסטן.

—(::)—

צוויי טויט אין האטעל שריפה

פיטסבורג, קענזעס, יאנו. 8. — צוויי געסט זיינען אומגעקומען אין דער שריפה וואס האט דא פארניכטעט דעם וויק האטעל, און 5 זיינען פארוואונדעט געווארן. 74 געסט האבן זיך געראטעוועט ארויסלויפנדיק אין זייערע נאכט-קליידער.

אידן קאנען ניט זיין קיין מערהייט אין ארץ-ישראל פאר דורות, זאגט מאגנעס

דר. מאגנעס ענטפערט זיינע קריטיקער אין א ביכל אין העברייאיש און ענגליש וואס ער האט נאר וואס פארעפנטלאכט.

(ספעציעלע טעלעגראמעס צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

ירושלים, יאנו. 8 (איטא). — "עס קאן ניט זיין קיין אידישע מערהייט אין ארץ-ישראל פאר אמווייניקסטנס עטלאכע דורות, אפילו ווען די דריי וויכטיקסטע פאקטארן אינ'ם ציוניזם, — די באציאונג פון די אראבער, די האנדלונג פון דער בריטישער מאנדאטן מאכט און די אידישע געלטלאכע ביישטייערונגען, — זאלן זיין די סאמע גינסטיקסטע".

אזוי באהויפטעט דר. מאגנעס אין זיין ביכל אין העברייאיש און אין ענגליש, וואס איז דערשינען די וואך' אין וועלכן ער ענטפערט זיינע קריטיקער.

אין דעם ערשטן ארטיקל פון זיין ביכל דערקלערט מאגנעס, אז אויך אידישע אימיגראציע, קאלאניזאציע אויפ'ן באדן און העברייאיש לעבן און קולטור קאנען גאראנטירט ווערן פאר די אידן אין ארץ-ישראל, וואלט ער געווען גרייט נאכצוגעבן אין דער פראגע פון א אידישער מלוכה און א אידישער מערהייט. ער וואלט אויך איינגעשטימט צו א געזעצגעבערישער קערפערשאפט פאר ארץ-ישראל, ווען זי זאל נאר זיין אזוי געפלאנט, אז די דריי יסודות וואס גאראנטירן די אידישע רעכט אין לאנד זאלן אבסאלוט געזיכערט ווערן.

דער וויכטיקסטער פון די דריי יסודות וואס ער רעכנט אויס איז דער, אז עס ווערט אנערקענט פאר די אידן זייער רעכט אויף ארץ-ישראל, און אז זיי זיינען דארטן ניט צוליב אימעצנס טובה.

אראבער לאזן ניט פרויען וויינען הויך ביים כותל-מערבי, ווייל ס'איז "ניט דערלויבט אויפהויבן די שטים"

ירושלים, יאנו. 8 (איטא). — ווי באקאנט, האט דער אראבישער צד ביים פארהער פון דער אויספארשונג-קאמיסיע גע'טענה'ט, אז די אידן איז דערלויבט געווארן תפילה צו טאן ביים כותל מערבי, אבער ניט אויפצוהויבן די שטימען. די אראבער האבן דערפאר נעכטן, ווי דער "פאלעסטינער בולעטין" מעלדעט, באפוילן עטלאכע אידישע אריענטאלישע פרויען וואס זיינען געקומען צום וואנט תפילה טאן פאר א קראנקן קינד, און האבען, ווי זייער שטייגער, הויך געשריען, — אז זיי זאלן זאגן זייערע תפילות שטילערהייט. די אראבער האבן געבראכט פאליציסטן ארויפצווינגען זייער פאדערונג.

דער פארהער וועגן דער פראגע פון קאלעקטיווע שטראפן אין צפת איז אפגעלייגט געווארן אויף צוויי וואכן, — ווי מען נעמט אן, כדי צו געבן די אראבער די געלעגנהייט אנצושטעלן אן אדוואקאט.

די פראגע פון קאלעקטיווע שטראפן שטייט אויך אויפ'ן סדר-היום פון א ספעציעלער זיצונג פון דער אראבישער עקזעקוטיווע אין ירושלים, פארופן אויף דאנערשטאג. די זיצונג וועט אויך פארהאנדלען די פראגעס וועגן דער דערוויילונג פון אן אראבישער דעלעגאציע קיין לאנדאן, וועגן אידישער אימיגראציע, וועגן דער סוספענדירונג פון דער אראבישער צייטונג און וועגן דעם ארעסט פון מוזאפאר און אנדערע באיקאט אגיטאטארן.

סירישע אראבער אומרואיק

ירושלים, יאנו. 8 (איטא). — די פאליטישע אגיטאציע צווישן די אראבער באשריינקט זיך ניט אויף ארץ ישראל. דער איינפיר פון'ם הכנסה שטייער אין סיריע האט געפירט נעכטן צו א סטרייק און העצנדיקע רעדעס אין מאשיי אין דמשק. די פאליציי האט אבער אנגענומען ענערגישע מיטלען, צעטרייבנדיק די דעמאנסטראנטן און ארעסטירנדיק די אנפירער.

פראנצויזישע און אמעריקאנער אינטערעסן קעגן אויל רערן אין חיפה

ירושלים, יאנו. 7. — די סירישע צייטונגען באריכטן, אז די פראנצויזישע און אמעריקאנער אויל אינטערעסן אין דער טערקישער פעטראלעאום קאמפאני פירן אן א קאמף קעגן דעם בריטישן פלאן דורכצופירן אויל-רערן פון די מאסול אויל פעלדער קיין חיפה. אין פאל אויב ענגלאנד וועט באשטיין אויף איר פלאן, זאגן די צייטונגען, וועלן די פראנצויזן און אמעריקאנער דורכפירן באזונדערע אויל-רער ליניעס פון מאסול צו א סירישן פארט.

די קאנקורענץ, ווי די צייטונגען מעלדן גייט אויך אן אויפ'ן געביט פון אייזנבאן געבוי. אין קעגנזאץ צו דער בריטישער געפלאנטער ליניע פון חיפה קיין באגדאד, פירן די פראנצויזן און אמעריקאנער אן פארהאנדלונגען וועגן אן אייזנבאן ליניע פון דמשק קיין מאסול.

—(::)—

סינגער העדוועער ליידט שווערן שאדן פון שריפה

שאדן אויף ארום 45 טויזנט דאלאר איז פאראורזאכט געווארן פון א שריפה אין דא-פעלאס האל בילדינג, פרינסעס סטריט און מעקדערמאט עוו., לעצטן אוונט. אמשווערסטן האט געליטן די "סינגער העדוועער מאנופעקשורינג קא.", און די. סינגער, פארוואלטער, שאצט אפ דעם שאדן אין 25 טויזנט דאלאר.

די שריפה איז אויסגעבראכן אויפ'ן צווייטן שטאק, וואו דער מייסטער שאדן איז פאראורזאכט געווארן.

ערשטע זאמלונג אין קאמפיין פאר דעקלאסירטע אידן ברייננגט גוטע רעזולטאטן

דער פאלקס-געצייג קאמפיין פאר די דעקלאסירטע אידן אין סאוועט רוסלאנד גייט אן אויסערגעצייכנט, ווי עס ווערט באריכטעט פון די צענטראליקער זאמלער וואס באזוכן איצט די וויניפעגער אידן.

דער קאמפיין איז גוטגעהייסן געווארן און ווערט געשטיצט פון די פארשטייער פון די פארשיידענע ריכטונגען אין היגן אידישן לעבן, און עס ווערט דערווארט אז יעדער איד זאל ביישטייערן זיין חלק פאר'ן אויפבוי פון'ם חרוב'ן אידישן לעבן אין סאוועט רוסלאנד.

דער ערשטער ליסט פון ביישטייערער ציינט, אז איבער פינף הונדערט דאלאר איז געזאמלט געווארן גלייך ביים אנהויב פון'ם קאמפיין. דעם גרעסטן טייל דערפון האט ביינעטראגן דער ארבעטער רינג, וואס האט ביינעשטייערט די סומע פון דריי הונדערט דאלאר.

די אנדערע ביישטייערער זיינען: דר. י. פערלמאן, $10; וו. קעלער, $50; טשערניאק, קאפשטיין און ספיוואק, $50; דר. ב. א. וויקטאר, $25; דר. דזשענאף, $25; ה. י. ווילדער, $15; ב. לודוויג, $10; י. העסטרין, $10; דר. ריידי, $10; מעקס מיינס, $5; דר. יאוויש, $5; א. איש-הורוויץ, $10; מ. א. גרעי, $5.

א צווייטע ארגאניזאציע וואס האט געגעבן א שיינעם ביישטייער צום קאמפיין, איז דער ניקאלאיעווער פאראיין, וועלכער האט ביינעטראגן $50 פאר דעם פאנד.

מיט אלע ביישטייערונגען איז מען געבעטן צו ווענדן זיך צו "דאס אידישע ווארט" אדער צום קאסירער פון'ם קאמפיין, דר. ד. מ. דזשענאוו.

אגב - אורחא

פון מארק

נייעס — צוגעשניטן "צום מאס"

די סאוועטישע נייעס אגענטור "טאס" האט אנומלט פארעפנטלאכט א באריכט פון קאנסאנטינאפאל, אז ציוניסטישע פירער האבן דערקלערט ביים פארהער פון דער אויספארשונג-קאמיסיע, אז דער געדאנק פון א אידישער נאציאנאלער היים אין פאלעסטינע איז קינדעריש.

און ווייטער האבן די ציוניסטישע פירער, הייסט עס, דערקלערט, אז זייער אידעאל איז "צו פארוואנדלען פאלעסטינע אין אן ענגלישער קאלאניע פאר אידן".

נו, און באלד ווי אזוי, גייט עס שוין ביי דער מאסקווער "פראוודא" (דער רוסישער "עמעס") ווי געשמירט:

"הייסט עס", — זאגט די צייטונג אין איר לייט-ארטיקל, — "אז די ציוניסטן גיבן שוין אליין צו, אז דער ענין פון א אידישער נאציאנאלער היים אין פאלעסטינע איז א קינדער מעשה.

"דער אמת'ער ציל (פון די ציוניסטן, מ.)... איז צו העלפן ענגלאנד אויפהאלטן פאלעסטינע ווי אן ענגלישע קאלאניע, צו באשיצן די ענגלישע אימפעריאליסטישע אינטערעסן ביים סועץ קאנאל. די ציוניסטן האבן וואלונטירט צו ווערן דער שטעקן אין ענגלאנדס הענט"...

און א. וו.

* * *

און 'עס קומט אזוי אויס — געכאפט די ציוניסטן ביי דער האנט.

די ווייצמאנס, בן-צבי'ס און די אנדערע ווי הייסן זיי דארטן, האבן דאך די קאמוניסטן שוין לאנג גע'טענה'ט, זיינען אנגעשטעלטע פונ'ם בריטישן אימפעריאליזם, פאר אזויפיל און אזויפיל א וואך, צו פארפירן די אידן מיט פינסטערע "ערעציסראל" כאלוימעס.

איצט האט זיי די "טאס" געכאפט ביי דער מעשה, — און די "פראוודא" דערקלערט דעם ענין פאר דער וועלט, און זאלן די אידן זעען ווי זיי ווערן נעבאך פארפירט, — און זאלן זיי "ווענדן זיך מיט'ן פאנים" צו בירא-בידזשאן און... צו דערקלאסירונג? . .

* * *

ס'איז מערגישט ווי יענער האט געזאגט — וואס טוט גאט, איז די גאנצע מעשה א ליגן.

דער "טאס" קארעספאנדענט האט גאר ניט נעדארפט פארן אזוי ווייט ווי קאנסטאנטינאפאל, צו "דעליווערן" די סחורה וועלכע איז נויטיק געווען פאר דער "ניע פראוודא" ("ניט-עמעס").

אזעלכע סארטן נייעסן, צוגעשניטן צום מאס, קאנען זייער גוט פאבריצירט ווערן אין מאסקווע גופא וואו מען האט געמאכט דעם באשטעל און וואו ס'איז דא דער מארק פאר דעם דאזיקן סארט סחורה.

סיידן, ס'איז נויטיק געווען צו דאטירן דאס שטיקל נייעס פון קאנסטאנטינאפאל, כדי צו געבן איר אביסל מער וואג אין די אויגן פון די צייטונג לייענער. אבער דאן — פארוואס שוין ניט בעסער ירושלים?

* * *

יא, — און צו פריטשמעליען טאקע איננאנצן דעם ציוניזם, און טאקע באזונדערס זיין לינקע ריכטונג, וואס איז באזונדערס שעדלאך, ווייל זי פארפירט די אידישע "ארבעטער און פויערים", וואס מוזן על-פי טעאריע גאר דיינקען קאמוניסטיש, — באריכטעט די "טאס", און ווידער פון קאנסטאנטינאפאל:

"די פאלעסטינער העברייאישע צייטונג 'דבר' (ארבעטער ארגאן, מ.) האט געפאדערט פון דער ענגלישער רעגירונג, אז זי זאל צונעמען די ערד פון די פעלאכן און זי אוועקגעבן די ציוניסטן".

עס זיינען דא אין מערב קאנאדע לייענער פונ'ם "דבר", — און איך זאג צו א פרייז רייזע צום שטערן מארס יעדן איינעם, וואס וועט מיר ברייננגען דעם דאזיקן אויסצוג פון דער צייטונג!

* * *

פארטיי צייטונגען זיינען בכלל מיט זייער קליינע אויסנאמען, זייער טענדענציעז אין זייערע נייעסן.

באזונדערס זיינען עס קאמוניסטישע צייטונגען, וועלכע גלויבן בכלל ניט אין "בורזשואזע" באגריפן פון אנשטענדיקייט.

אט ניט לאנג צוריק האבן מיר געזעען אזא איינדרוקספולן ביישפיל פון דער קאמוניסטישער "פרייהייט", — ווי די פאגראמען אין ארץ-ישראל האבן זיך אין איין שיינעם פרימארגן פארוואנדלט אין אידישע פאגראמען אויף די אראבער.

ס'איז נויטיק געווען בלויז א באשלוס פון דער פארטיי, און עס זיינען געקומען די נייעסן פון די "טויזנטער" אויסגעשלאכטעטע דורך אידישע פאשיסטן אראבישע ארבעטער און פויערים . . .

נאטירלאך איז דאס ניט דורכאויס א קאמוניסטישע איינגשאפט. אנדערע ריכטונגען באנוצן זיך אויך אפט מיט אזעלכע מעטאדן.

אבער אין אונזערע בורזשואזע מדינות זיינען פארט דא אנדערע צייטונגען, פון אנדערע ריכטונגען, דער מער-ווייניקער אומפארטייאישע, — און די וואס פארמשפט'ן ניט זיך אליין פריוויליק אויף געדאנקען-פרוכטלאזיקייט, קאנען לייענען אדער הערן עפעס פון אנדערע צייטונגען.

אבער אין סאוועטן-פארבאנד איז אלץ וואס דער עולם קאן וויסן, דאס וואס די פארטיי באשליסט אז ער דארף וויסן.

קאן מען זיך פארשטעלן, וויפל מען ווייס דארטן וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט!

* * *

איך פארשטיי, אז די קאמוניסטן האבן אורזאכן צו באקעמפן דעם ציוניזם, און איך וואלט צו זיי דערפאר גארנישט ניט געהאט.

זיי זיינען אבער אליין אפנים אזוי ווייניק איבערצייגט אין זייער גערעכטיקייט, אז זיי מוזן דעם עולם פארטומלען מיט ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע זאכן, צו דערוויזן אז זיי זיינען גערעכט.

און קעגן אזעלכע מעטאדן, פון וועלכער זייט זיי זאלן ניט קומען, זעץ איך שוין זייער אויס.